# קאוויד-19 בוסטער שאַט רעקאמענדאציעס

יעדער איינער פון 12 יאר און העכער זאל באקומען א קאוויד-19 בוסטער שאַט ווי נאר זיי זענען בארעכטיגט דערפאר כדי זיי זאלן קענען זיין צייטליך מיט זייערע וואקסינען. זיין צייטליך מיט אייערע וואקסינען מיינט אז איר זענט פולשטענדיג וואקסינירט, און אז איר האט באקומען נאך דאזעס און בוסטערס אויב און ווען איר זענט בארעכטיגט. מענטשן וועלכע זענען וואקסינירט געווארן אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן אדער וועלכע האבן זיך באטייליגט אין קלינישע פראבעס אויף א וואקסין קענען נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר א בוסטער שאַט.

**וואס איז א בוסטער שאַט און פארוואס איז עס רעקאמענדירט?**

א בוסטער שאַט איז נאך א דאזע פון א וואקסין צו גיבן צוגעלייגטע שוץ. די וואקסינען זענען נאכאלץ זייער ווירקזאם ביים פארמיידן שווערע קראנקייט, האספיטאליזאציע און טויט רח"ל צוליב קאָוויד-19. שוץ קעגן מילדע ביז מעסיגע אינפעקציע איז אבער נישט דאס זעלבע שטארק און עס קען וויניגער ווערן מיט די צייט.

א בוסטער שאַט קען גיבן צוגעלייגטע שוץ פאר אייך, אייער פאמיליע און אייער קאמיוניטי דורכן רעדוצירן אייערע אויסזיכטן פון באקומען קאוויד-19 און עס פארשפרייטן צו אנדערע, אריינרעכענענדיג קינדער וועלכע זענען צו יונג צו וואקסינירט ווערן און מענטשן וועלכע האבן גרעסערע אויסזיכטן צו שווער קראנק ווערן פון קאוויד-19. בוסטער שאַטס זענען באזונדערס וויכטיג נעמנדיג אין באטראכט די מער אנשטעקיגע ווַאריאנטן פון דעם ווירוס וועלכע באווייזן זיך.

**ווען קען איך באקומען א בוסטער שאַט?**

ווען איר קענט באקומען א בוסטער שאַט ווענדט זיך אויף וועלכע וואקסין פירמע איר האט באקומען פאר אייערע ערשטע דאזעס:

- אויב איר האט באקומען דעם **פייזער אדער מאָדערנא** וואקסין, קענט איר באקומען א בוסטער שאַט צום וויניגסטנס **פינף חודשים** נאך אייער לעצטע דאזע.
- אויב איר האט באקומען דעם **דזשאַנסאן ענד דזשאַנסאן** וואקסין, קענט איר באקומען א בוסטער שאַט צום וויניגסטנס **צוויי חודשים** נאך אייער וואקסין.

**צו דארף די בוסטער שאַט זיין פון די זעלבע וואקסין פירמע ווי מיינע ערשטע דאזעס?**

ניין. איר קענט אויסוועהלן וועלכע פירמע איר ווילט באקומען. עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט באקומען די פייזער אדער מאָדערנא וואקסין פאר אייער בוסטער שאַט, אויב איר קענט. רעדט מיט אייער דאקטאר אויב אויב איר פראגן איבער וועלכע וואקסין צו באקומען. אויב דארפט איר הילף אויף צו טרעפן א דאקטאר, רופט **311**.

**צו האבן די בוסטער שאַטס די זעלבע באשטאנדטיילן ווי די וואקסינען וועלכע ווערן גענוצט פאר די ערשטע דאזעס?**

יא. די פייזער און דזשאַנסאן ענד דזשאַנסאן בוסטער שאַט זענען די זעלבע וואקסין ווי די וואס ווערט געגעבן פאר די ערשטע דאזעס. די מאָדערנא בוסטער שאַט האט די זעלבע באשטאנדטיילן, אבער עס איז א קלענערע דאזע פון די וואקסין פון די וואס ווערט געגעבן פאר מענטשן פאר זייערע ערשטע צוויי דאזעס.

**צו זענען דא זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון די בוסטער שאַט?**

איר קענט באקומען זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון די בוסטער שאַט. זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) זענען געוועהנטליך מילד ביז מעסיג, און זיי האלטן געוועהנטליך אן פאר איין ביז דריי טעג. אפטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) קענען אריינרעכענען ווייטאג אין די ארעם, קאפווייטיק, ווייטאגן אין די גוף, מידקייט און פיבער. ערנסטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) זענען זעלטן, אבער זיי קענען געשעהן נאך א בוסטער שאַט.

**איך האב און אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם און איך האב באקומען א דריטע וואקסין דאזע. קען איך באקומען א בּוּסטער שאַט?**
מענטשן פון 12 יאר און עלטער וועלבע האבן א מעסיג אדער שווער אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם און האבן באקומען א דריטע דאזע פון די פייזער אדער מאָדערנא וואקסין זאלן באקומען א בּוּסטער שאַט צום וויינגסטנס פינף חודשים נאך זייער דריטע דאזע. פאר אינפארמאציע איבער דריטע דאזעס, באזוכט **on.nyc.gov/thirddose**.

**איך האב באקומען א קאוויד-19 וואקסין אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן אדער אלץ טייל פון א קלינישע פראבע. קען איך באקומען א בּוּסטער שאַט?**
איר זאלט באקומען א בּוּסטער דאזע פון די **פייזער וואקסין** צום וויניגסטנס פינף חודשים נאך אייער לעצטע וואקסין דאזע אויב איר זענט 12 יאר און עלטער און:

- איר האט באקומען אלע ערשטע דאזעס פון א וואקסין וואס איז אויטאריזירט געווארן פאר עמערדזשענסי באנוץ דורך די אלוועלטליכע געזונטהייט ארגאניזאציע (World Health Organization, WHO) אבער איז נישט אויטאריזירט געווארן דורך די פאראייניגטע שטאטן עסן און דראג אדמיניסטראציע ( Food and Drug Administration, FDA)
- איר האט באקומען אלע ערשטע דאזעס פון FDA-באשטעטיגטע, FDA-אויטאריזירטע אדער WHO-אויטאריזירטע קאוויד-19 וואקסינען אויסגעמישט
- איר האט באקומען אלע ערשטע דאזעס פון א וואקסין וואס איז אויטאריזירט געווארן פאר עמערדזשענסי באנוץ דורך די WHO אבער איז נישט אויטאריזירט געווארן דורך די FDA — אלץ טייל פון א קלינישע פראבע
- איר האט באקומען אלע ערשטע דאזעס אלץ טייל פון די מאָדערנא וואקסין אין קלינישע פראבעס אויף קינדער

מענטשן וועלבע זענען וואקסינירט געווארן אלץ טייל פון קלינישע פראבעס מוזן האבן באקומען אן אקטיווע וואקסין, נישט א פלאסיבאָ. רעדט מיט אייער דאקטאר אויב איר האט פראגן.

**וואו קען איך באקומען א בּוּסטער שאַט?**
איר קענט באקומען א בּוּסטער שאַט ביי יעדע פלאץ וואס שטעלט צו די וואקסין פון די פירמע וואס איר דארפט. איר דארפט נישט גיין צו די זעלבע פלאץ וואו איר האט באקומען אייער ערשטע צוויי דאזעס. צו טרעפן א וואַקסינאציע פלאץ, באזוכט **nyc.gov/vaccinefinder** און וועהלט אויס "Pfizer" (פייזער) אדער "Moderna" (מאָדערנא) פון די " Any vaccine" (סיי וועלבע וואקסין) ליסטע וואס עפנט זיך אויף. איר קענט אויך רופן 877-829-4692 פאר הילף אויף צו טרעפן א סיטי-אנגעפירטע וואקסינאציע פלאץ. צו באשטימען א צייט צו וואַקסינירט ווערן אינדערהיים פאר אומזיסט, באזוכט **nyc.gov/homevaccine** אדער רופט 877-829-4692.

**צו קען איך באקומען א בּוּסטער שאַט און אן אנדערע וואקסין, ווי צום ביישפיל דער פלו וואקסין, אין די זעלבע צייט?**
יא. איר קענט באקומען א בּוּסטער שאַט צוזאמען מיט אן אנדערע וואַקסין, אדער אין סיי וועלבע צייט בעפאר אדער דערנאך. אויב האט איר נאך נישט באקומען אייער פלו שאַט, פרובירט צו טרעפן א פלאץ וואס שטעלט צוביידע וואקסינען, ווי צום ביישפיל ביי פילע פארמאסיס.

**צו איז דער בּוּסטער שאַט אומזיסט?**
יא. אויב איר האט אינשורענס, וועט אייער אינשורענס פירמע מעגליך איינגעמאָנט ווערן די קאָסטן, אבער איר וועט נישט געבעטן ווערן צו צאלן אן אדמיניסטראציע שטייער אדער אנדערע אָפּצאָלונגען.

**וועלבע דאקומענטן דארף איך האבן צו באקומען א בּוּסטער שאַט?**
איר וועט דארפן ווייזן א דאקומענט וואס ווייזט אייער געבורטס דאטום, ווי צום ביישפיל א דרייווער'ס לייסענס, א נאן-דרייווער ID, אן IDNYC, א געבורט סערטיפיקאט, אדער א פאספארט. ברענגט אייער וואקסינאציע קארטל אויב איר האט עס.

**צו דארף איך באקומען א בוּסטער שאַט אויף צו זיין פולשטענדיג וואקסינירט?**
ניין. מענטשן ווערן גערעכנט אלס וואקסינירט צוויי וואכן נאך די צווייטע דאזע פון א צוויי-דאזעדיגע וואקסין (ווי צום ביישפיל פייזער אדער מאָדערנא) אדער צוויי וואכן נאך דער איינציג-דאזע דזשאַנסען ענד דזשאַנסען וואַקסין. איר וועט אבער זיין צייטליך מיט אייערע וואקסינען נאך איר באקומט א בוּסטער. טייל ארבעטסגעבער און פלעצער קענען אויך פארלאנגען א באווייז פון א בוּסטער שאַט פאר מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט. קוואראנטין פאדערונגען קענען זיך טוישן געוואנדן אין אויב איר האט באקומען א בוּסטער שאַט.

**די NYC העלט דעפּארטמענט וועט מעגליך ענדערן אירע רעקאמענדאציעס אזוי ווי די צושטאנד אנטוויקלט זיך.**
1.13.22